# גליון חיים נצחיים

א ליכטיגקייט און קלארקייט אין עבודת השם, פונעם קוואל פון הרה"ק **רבי נחמן מברסלב** זצוקללה"ה און זיינע הייליגע תלמידים זיעועכי"א

גליון 03 | **פסח תשע"ט**


לע"נ חברינו היקר הבלתי נשכח
מוהר"ר **אברהם** ע"ה במוהר"ר
**משה דוד** הי"ו **געטץ**
נלב"ע א' דראש השנה תשע"ט לפ"ק

# דאָס לעבן הענגט אויף אַ האָר

ארויסגענומען פון ליקוטי הלכות, נזיקין ה"ד

**וויאזוי גייט מען ארויס פון מצרים? וואס איז דער דיפערענץ צווישן 'חמץ' און 'מצה'? פאַרוואס איז חמץ אין פסח אסור 'במשהו'? פאַרוואס פאלן ליידער אוועק אזויפיל אידישע נשמות?**

ארום דעם רייכן איבערגעדעקטן 'סדר טיש' זיצט די גאנצע פאמיליע אין שפיץ פון די קרוין פון די משפחה, דער טאטע, ווי א 'מלך' - אויף זיין הערליכע ווייס-אויסגעבעטע סאָפע. אלע זאגן אינאיינעם די הגדה מיט א אויסנאמליכע געשמאק, וואס הייסט? אט געפונען מיר זיך היינט אין דעם הייליגן סדר נאכט, אין וואס דער אייבערשטער האט אונז ארויסגעצויגן פון קנעכטשאפט, נאכ'ן זיין אזוי לאנג אונטערדריקט ביי דער טיראן - פרעה, און ביי זיינע אינטערטאנען - די מצרים. אזוי אויך האט אונז דער אייבערשטער אצינד צום ערשטן מאל אויסגעוועלט כביכול אלץ זיין פערזענליכן פאלק, ווערנדיג אנגערופן 'עם ישראל'.

מיר דארפן אבער געדענקען דעם כלל: ביי אידישע אנגעלעגנהייטן איז נישט פארהאן אזא זאך, ווי א פייערונג פון אפצייכענען א היסטארישע קאפיטל אין געשיכטע, אזוווי להבדיל ביי די אמעריקאנער וואס האלטן אפ יאר יערליך זייער חגא ווען זיי זענען באפרייט געווארן פון אונטער די בריטישע הערשאפט און זענען געווארן א זעלבסטשטענדיגע לאנד - ביי אונז אידן ארבעט דאס נישט אזוי. די מעשה פון 'גלות מצרים' און 'יציאת מצרים', איז א געשיכטע וואס האלט זיך אין איין איבערשפילן יאר נאך יאר פונדאסניי מיט א פרישקייט. נישט אומזיסט באטאנען חז"ל: "בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כאילו **הוא** יצא ממצרים**!**" (פסחים קט"ז:).

אויב אזוי, פרעגט דאך דער איד דער פראגע: וויאזוי קען איך אויך ארויסגיין היינט צוטאגס, אין דעם גלות, פון מיין אייגענע 'גלות מצרים' - פון די מ"ט שערי טומאה, וואס באדייט: אלע תאוות רעות און מידות רעות, און זוכה זיין צו א אמת'ע נאנטשאפט און ליבשאפט צום אייבערשטן?

ליידער איז נישט היינט קיין זעלטענע ערשיינונג צו טרעפן א בחור'ל אויפן גאס, וואס נאר אנצוקוקן זיין צורה כאפט ממש א שוידער: א בחור פון א פיינע שטוב, אויפגעוואקסן ביי ערליכע אידישע טאטע מאמע, אבער דער בחור'ל, קוים וואס ער טראגט אויף זיך א אידישע צורה ה"י. און עס פרעגט זיך די געוואלדיגע פראגע - ווי קומט דאס צו א חסידישע בחור, פון א פיינע ישיבה, מיטגעהאלטן די סדרים - זאל זיך דערקייקלען אזוי נידריג?

די מחנכים און עסקנים וואס זענען באהאוונט אין דעם פעלד - געבן איבער, אז געווענטליך איז דאס נישט געשען מיט איין גרויסע שפרינג פון איין מינוט אויפן צווייטן. דער בעל דבר קען נישט צוקומען צו א איד וואס זיצט א גאנצן טאג 'על התורה ועל העבודה', און אים איבעררעדן אין איין סעקונדע: "גיי טו אַן עבירה!" אויב ער וועט גיין אויף אזא סאָרט גאנג, דאן ווי קען ער ערווארטן אז איינער זאל אים אויסהערן בכלל?!

> **דער אייבערשטער ווייסט דאך זייער גוט, ווי שטארק דער יצר הרע דערקוטשעט אונז די יארן, טאקע דערפאר איז יעדע קליינע תנועה'לע וואס דער מענטש טוט פאר אים גאר גאר טייער!**

געווענטליך וועט דער יצר הרע אנהייבן - מיטן איינרעדן דעם מענטש צו פאַרפאָרן בלויז מיט א 'קלייניקייט', און דער מענטש רעדט זיך איין: וואס וועט שוין געשען אז איך וועל געבן בלויז 'איין קוק' ווי מען טאר נישט? ער פארענטפערט עס נאך, אז עס איז אפילו נישט הונדערט פראצענט זיכער, אז מען זעט דא אייביג 'ראיות אסורות', און דאן כאפט אים דער יצר הרע אין א פלוצים'דיגע אטאקע, און פון דארט און ווייטער איז שוין נישט קיין ווייטע שטרעקע ביז ער קומט אָן אויסצוקוקן אזויווי ער קוקט ליידער אויס.

דאס איז אייגנטליך וואס חז"ל זאגן אונז (שבת קה: ועוד): **"כך אומנתו של היצר הרע; היום אומר לו עשה כך, ולמחר אומר לו עשה כך, עד שאומר לו - עבוד עבודה זרה, והולך ועובד"**. אין אנדערע ווערטער: דאס איז נישט געשען מיט איינמאל. דאס האט זיך אנגעהויבן מיט איין קליינע 'משהו' וואס ער איז פארקראכן, מיט איין נישטיגע קוועטש אויף א נישט ערליכע קנעפל, און פון דארט און ווייטער האט זיך די מצב גענומען גיין א גאנג אויף אראפ מיט גאר א שנעלן טעמפא ל"ע...

דעריבער ווען די תורה הקדושה שטעלט אוועק די איסור פון 'חמץ' אין 'פסח', ווערט עס אוועקגעשטעלט אזוי שארף - אז אנדערש ווי אלע אנדערע איסורים אין די תורה - איז זי אסור אפילו בלויז א **משהו**. וויבאלד חמץ אין פסח - זאגט דער


*המשך בעמוד ב'*


## • מעט מן האור •

*ליקוטים מובחרים מתורתו של רביה"ק ותלמידיו בלשון קצרה ובסגנון קל, להחיות בהם נפש כל חי*

### רמזי פסח

***ולא יראה לך חמץ***
*(שמות י"ג, ז')*

ודרשו רז"ל: **"ולא יראה לך" - "שלך אי אתה רואה, אבל אתה רואה של אחרים"** (פסחים ה:). כי חמץ מרמז על חימוץ המח שהם מחשבות זרות והרהורים שהם אסורים במשהו, וצריכין לבערם ולגרשם מגבולו. אבל אם האדם עושה את שלו, ומתגבר בכל כוחו לבער ולגרש המחשבות רעות מקרבו, ואעפ"כ באים עליו בעל כרחו בכל פעם, **על זה אין האדם חייב כלל**, כי אין זה חמץ שלו. אבל צריך ליזהר שלא יגע בו ולא יהנה ממנו ולא יהיה נמשך אחריו כלל, ועל פי רוב ממילא יסתלק עי"ז.
*(ליקו"ה, נזיקין ה"ד, אות ה')*

***הפסח אינו נאכל אלא בלילה, עד חצות, אלא למנויו, אלא צלי***
*(משנת איזהו מקומן)*

פירש פעם בצחות רבי שמואל שפירא ז"ל את המשנה: ה**'פסח'** - בגימטריא **'נחמן'**, **אינו נאכל אלא בלילה** - שאז עיקר העבודה בעבודת השם (כמבואר בליקו"מ נ"ב), **ואינו נאכל אלא עד חצות** - שבו תלוי הכל, וממנו התחלת כל העבודה (שי' הר"ן ש"א). **ואינו נאכל אלא צלי** - מלשון **צלותא** ובעותא לשון תפילה (וכמו שאמר רבינו: "גאר מיין זאך איז תפילה" (ליקו"מ תנ' צ"ג)).
*(שיש"ק שנ"ה)*

(גם אפשר לרמז: **ואלא למנויו** - על ענין האהבה שהזהירנו רביז"ל מאד: רק תחזיקו עצמכם **ביחד** אז תהיו אנשים כשרים וגו' (חיי"מ רי"ח))
*(הוספה ע"י אחד מאנ"ש)*

### סימני הסדר

***נרצה***

בגמר עבודת ליל הסדר, כשבכל פעם עולין מדרגא לדרגא בקדושה יתירה, סידר בעל ההגדה לסיים בסימן **'נרצה'**, ולכאורה אין שום עבודה מיוחדת בזה? אבל באמת כלל כל התיקונים הנוראים שעושין על-ידי כל הסדר של פסח, עיקר תכלית הכוונה הוא לזכות **לרצון** - שיאיר עליו רצונו יתברך. כי עיקר **תכלית העבודה** הוא **'הרצון'**! - שיהיה כוסף תמיד אליו יתברך! (שי' הר"ן נ"א).
*(ליקו"ה, ברכת השחר ה"ה, אות י"ט)*

הייליגער אריז"ל - איז מרמז אויף שלעכטע מחשבות, אויף די 'סטרא אחרא', וואס מיט איין קליינע **משהו** פון א שלעכטע מחשבה, קען א מענטש זיך טרעפן גענצליך אויף די אנדערע זייט.

פון די אנדערע זייט טארן מיר אבער נישט פארגעסן, אז אקוראט אזוי געַנוי, שפילט זיך דאס אויך אפ אויף די פארקערטע אופן. אסאך מאל בשעת דער מענטש ליגט געפאנגען אין די הענט פון זיין יצר הרע, נישט זעענדיג פאר זיך קיין וועג ארויס, וועט זיך דער מענטש צומאל אפהאלטן פון טון אזעלכע 'קלייניקייטן' וואס ער וואלט יא געקענט טאָן פאר'ן אייבערשטן, ווי צום ביישפיל: אנהאלטן זיינע רצונות, געבן א קרעכץ, אדער כאטש איינמאל היטן די אויגן פון וואס מען טאר נישט, פארוואס? וויבאלד דער מענטש טראכט צו זיך: וואס וועט שוין די איין קליינע 'נארישע' זאך עפעס אויפטון? וועט מיר אט די קלייניקייט פאררעכטן און מיר ארויסנעמען פון מיין געפענגעניש?

אינאמת'ן איז אבער דער ענטפער צו דעם: יא! - ווייל פונקט אזויווי די איין משהו-בייג האט אים אזוינס אראפ דערנידערט ביז טיף אין תהום אריין, קען אזוי אויך - די איין קליינע משהו אדער 'תנועה' וואס ער געבט זיך א ציה אוועק פון 'טומאה' צו 'קדושה' - אים ארייןשלעפן מיט די צייט גענצליך אינעווייניג אין די 'נו"ן שערי קדושה'.

דער הייליגער רבי פלעגט אסאך חזר'ן מיט זיינע תלמידים, אז די לעבן פון א מענטש אויף דער וועלט הענגט שטענדיג אויף א '**חוט השערה**' - אויף א 'האָר' ממש! דאס איז געזאגט געווארן אויף ביידע זייטן: פון איין זייט, מיט איין קליינע מינדערוויכטיגע תנועה וואס א מענטש פארקירעוועט זיך אוועק פון קדושה, קען זיך א מענטש דערקייקלען ביז טיף אין שאול תחתית אריין. ווידער; מיט איין קליינע נאריש-אויסזעענדע בייג אוועק פון די 'טומאה', אפילו די 'בייג' איז סך הכל ווי א האָר אדער אפילו ווייניגער, קען א מענטש שאפן אזא נחת רוח פאר'ן אייבערשטן, אזוי ווייט, אז אפילו **"אַלְפִים עוֹלָמוֹת אֵינָם כְּדַאי נֶגֶד זֶה!!!!"**

מיר דארפן געדענקען, אז דער אייבערשטער ווייסט דאך זייער גוט, ווי שטארק דער יצר הרע דערקוטשעט אונז די יארן, **"כי הוא ידע יצרנו"**, און טאקע דערפאר איז יעדע קליינע תנועה'לע וואס דער מענטש טוט פאר אים גאר גאר טייער!

אט די טיפע לערנונג וואס דער הייליגער רבי שיינט אריין אין אידישע הערצער, ליגט באהאלטן אין דאס וואס די ספרים הקדושים זענען מרמז: **"אין בין חמץ למצה אלא 'משהו'"** - דער אונטערשייד צווישן חמץ און מצה איז בלויז א 'משהו' (שלה"ק פסחים, מצה עשירה, דרוש ג'). וויבאלד, מיט איין קליינע משהו וואס דער מענטש געבט א קנייטש אוועק פון די 'צד הקדושה' קען ער זיך טרעפן ביי 'חמץ', און מיט איין קליינע 'משהו'-דריי אויף צוריק - קען זיך דער מענטש טרעפן ביי 'מצה' וואס איז מרמז אויף די סאמע העכסטע מדריגות אין קדושה און דביקות אינעם אייבערשטן (כמבואר באריז"ל).

קראנטע ערציילונגען פונעם הייליגן רבי'ן און זיינע תלמידים:

# אַ באַפעל פון די העכערע פענסטערס

די קאמוניסטישע בארבארישע ק.ג.ב. האט באוויזן אפצושרעקן אפילו די שטערקסטע און קוראזשפולסטע מענטשן איבער גאנץ רוסלאנד. מענטשן וועלכע זענען ביז דאן געווען פון העכסטן שטייסל האבן יעצט געציטערט צו שטעלן א טריט איבער די גאסן, ווערנדיג נאכשפיאנירט דורך די לאנגע נעגל פונעם רוסישן בער.

פאר איין קליין איד'ל - א קרימענטשוק'ער איינוואוינער - האט אבער גארנישט אין דער וועלט געקענט אפשרעקן. רבי משה בער ראזענפעלד ז"ל, א דורכגעווייקטע ברסלב'ער חסיד, איז ווייטער אנגעגאנגען מיט זיין געוואלדיגע עבודה. געווען איז ער פון די איינציגסטע אידן וועלכע האבן זיך קעגנגעשטעלט קעגן די רוסישע געזעצן, וועלכע האבן הויפזעכטליך געזוכט אויסצוראטן יעדעס לעצט-פארבליבענע אידישער פונק, און מיט עקשנות דקדושה נישט געשיקט זיינע קינדער לערנען אין די שטאטישע שולע, עפעס וועלכע האט געקענט קאסטן יארן פון שווערע צוואנגס-ארבעט אינעם סיבירישן טויט לאגער.

גארנישט איז אבער צוגעקומען צו ר' משה בער'ס מסירת נפש ווען עס איז געקומען צו שמירת שבת. אין רוסלאנד האט קיין איין פאבריקאנט זיך נישט געוואגט ארייןצונעמען אַן ארבעטער וועלכע באווייזט זיך נישט אום שבת, זייענדיג פארבינדן מיטן פחד אז די ק.ג.ב. וועט זיך דערוויסן דערפון... ר' משה בער, מיט זיין שטוינענדע עזות דקדושה וואס ער האט קונה געווען פון רבי'ן און זיינע תלמידים, האט זיך אבער בכלל נישט דערשראקן. ביי אים איז געווען קלאר: פון אפהיטן שבת וועט קיין שאדן נישט ארויסקומען!

ר' משה בער איז געווען א ספעציעלער עקספערט אין די פעלד פון 'לעדער', א אינדוסטריע וועלכע איז אין די שווארצע מארק פון רוסלאנד געווען גאר פאפולער, עפעס וועלכע האט בלויז צוגעגעבן צו זיין שטענדיגע פחד וואוסענדיג אז אויך די רוסן ווייסן פון זיין מומחה'שאפט. אבער קיין אנדערע ברירות איז דאן נישט געווען.

אין די זעלבע צייט איז פארגעקומען גרויס קארופציע אין די גרעסטע רוסישע לעדער איינהייט - וועלכע איז געווען קאנטראלירט דורך די רעגירונג זעלבסט - ווען עס איז אנדעקט געווארן אז דער הויפט פונעם לעדער פאבריק האט פאר פילע יארן בא'גנב'עט די ריכטיגע סחורה און עס פארקויפט אויפן שווארצן מארק, און אנשטאט דעם האט ער אריינגעריקט ביליגע און שוואכע מאטריאל, וועלכע זענען ארויסגעשיקט געווארן פאר אנדערע לענדער ברענגנדיג דערמיט גרויס קריטיק אז די סחורה זענען ווערדלאז.

די רוסן האבן זיך דרינגענד גענויטיגט אין אן ערפארענעם לעדער פאבריקאנט וועלכע זאל צוריק ארויפפירן די פאבריק אויף אירע רעלסן. אין גרויס צווייפלעניש האבן זיי זיך געמוזט ווענדן צו דעם אידישן ר' משה בער, דער וועמען זיי האבן גאנץ גוט געוואוסט איבער זיין באקאנטשאפט אין דעם פעלד.

ר' משה בער האט זיי געמאלדן גלייכגילטיג: "איך בין גרייט צו נעמען די לעדער פאבריק אונטער מיין אויפזיכט, אבער מיט איין תנאי... שבת באווייז איך זיך נישט!" די רוסן וועלכע האבן נישט פארמאגט צופיל אנדערע אפציעס, האבן שנעל געמוזט נאכגעבן.

די רשעים זענען אבער נישט געווען גרייט נאכצוגעבן, זיי זענען געווען אויסן צו זעהן א מפלה אין דעם איד'ל וועלכע האט באוויזן זיי איבערקלוגן, זיי זענען בכלל נישט געווען צופרידן מיט דער פאקט אז א איד פארמאגט אזא הויכע פאזיציע אין די רעגירונג. טאקע דערפאר זענען זיי אויפגעקומען מיט א פשוט'ע לעזונג, זיי האבן אויפגענומען עטליכע געלונגענע סטודענטן וועלכע זאלן דינען אלס אינזשענירן אונטער ר' משה בער, און ווי נאר זיי וועלן זיך זעלבסט דערלערנען דעם פאך וועט מען שוין קענען 'מסדר' זיין דעם איד.

גענוי אזוי האט זיך טאקע אפגעשפילט. נאך אפאר יאר וואס ר' משה בער האט געטריי געדינט אינעם פאבריק, זענען זיינע בייהעלפערס געווען פולקאם געלערנט אינעם לעדער פאך, און דאן איז אנגעקומען זיין צייט... אין א שיינעם טאג האט ער באקומען א איינלאדענונג צום געריכט הויז. אזא איינלאדענונג האט געגרעדט מער פון סיי וואס... געווענטליך איז דאס געווען גענוג צו פארזיגלען א מענטשס צוקונפט - אויף אייביג! רבי משה בער האט דאס גוט געוואוסט...

ביי זיין פראצעס איז פארגעלייגט געווארן גאר הארבע קלאגעס איבער נישט-געשטויגענע קארופציע וועלכע איז פארגעקומען אונטער זיין אויפזיכט אינעם לעדער פאבריק. די קלאגעס האבן נישט געהאט אין זיך קיין שום שטאנד, איבערהויפט נאכדעם וואס א הויכראנגיגער מיטארבעטער האט אלעס אפגעוואנדן און אנגעוויזן אויף ר' משה בער'ס ערנטליכקייט, און האט געצווינגען דעם ריכטער אים צו געבן א מילדערע אורטייל - 'בלויז' איין יאר צוואנגס-ארבעט.

אין די לאגער האבן זיך געפונען נאך אידן וועלכע האבן געטיילט דעם ביטערן גורל. אבער רבי משה בער האט ארויסגעשטארצט איבער אלעמען. זיין עקשנות דקדושה האט אים ווייטער באגלייט, ער האט בלויז געגעסן טרוקענע ברויט, נישט וועלענדיג צורירן צו די געקאכטע עסן וועלכע זענען ווארשיינליך נישט געווען כשר, עפעס וואס די אנדערע אידן האבן נישט געקענט ביישטיין.

'חודש ניסן' האט זיך דערנענטערט, די אנדערע אידן האבן אנגעהויבן פרעגן פון ר' משה בער, "וואס וועסטו טוען פסח? - דעמאלטס וועסטו אויך קיין ברויט נישט קענען עסן!"

"'פסח' וועל איך שוין זיין באפרייט...!" האט ער זיי געענטפערט.

זיין ענטפער האט געשאפן א ביטערע געלעכטער ביי אלעמען, עס האט נאך קיינמאל נישט פאסירט אין דער היסטאריע פונעם 'ראטן פארבאנד', אז מען זאל ארויסלאזן אן ארעסטאנט פאר זיין אנגעגעבענעם צייט. אבער ר' משה בער איז געווען קלאר ביי זיין אמונה אז ער וועט נישט דארפן עסן קיין חמץ אין פסח חלילה.

'ראש חודש ניסן' איז אנגעקומען, און דאן 'שבת הגדול', אבער קיין רמז פון פרייהייט זעט זיך נאך נישט אָן. אט איז שוין ערב פסח, אונזער ר' משה בער געבט אבער נאכנישט אויף, "קיין יאוש איז נישט פארהאנען" חזר'ט ער ביי זיך צווישן איין טרער אינעם צווייטן,ווארטנדיג אויף א מעלדונג.

בלויז עטליכע שעה פאר'ן זמן איז עס געווען, ווען דער נאַטשאַלניק פונעם לאגער קומט צו צו אים און זאגט אים: "דו ביסט באפרייט! דאס איז א באפעל פון די העכערע פענסטער'ס!..." זיי, די רוסן, האבן נישט געוואוסט פון וועלכע העכערע פענסטערס מען רעדט, אבער ביי ר' משה בער וועלכער האט יעצט אויפגעהויבן זיינע אויגן צו די העכערע פענסטערס און געדאנקט דעם אייבערשטען אויפן אפענעם נס, איז אלעס קלאר געווען.


ואלו יעמדו על הברכה:

מוה"ר **קלמן אליעזר זילבערשטיין** הי"ו
מאנסי
וגיסו
מוה"ר **אברהם שמחה האלד** הי"ו
קרית יואל
ולאביו/חותנו מוה"ר **משה מאיר זילבערשטיין** הי"ו
**שתרמו 1,500 גליונות**
לרגל שמחת הולדת בתם/נכדותיו למז"ט
ימלא ה' כל משאלות לבם לטובה

מוה"ר **צבי יוסף ליכטנשטיין** הי"ו
לעיקוואד
**שתרם 1,000 גליונות**
לרגל הולדת הבת למז"ט
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר **חיים יוסף וואסילסקי** הי"ו
לעיקוואד
**שתרם 1,000 גליונות**
לע"נ אביו הר"ר **מאיר יצחק** ב"ר צבי יוסף ז"ל, (יא"צ א' דחוה"מ)
גבאי נאמן דבית מדרשינו ברסלב ב"פ

מוה"ר **יונה שווארץ** הי"ו
בלומינגראוו
**שתרם 1,000 גליונות**
לרגל שמחת הולדת בנו למז"ט
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

הרב **מענדל מאיר פריעדמאן** שליט"א
וויליאמסבורג
**שתרם 500 גליונות**
לרגל נישואי בתו עב"ג
החה"ח כמר **מאיר יחיאל פערלשטיין** הי"ו למז"ט

קול
**משיב לשואל**
שו"ת בעבודת השם עפ"י דעת
קדשו של רבינו הקדוש זיעוכי"א
**718.362.8870**